טבילה (טבילות) = דאָס אונטערטונקען זיך אין וואַסער.

טביעות עין = דאָס דער־קענען אויפ'ן ערשטען קוק

טבל'ען = אונטערטונקען זיך.

טבע = די נאַטור.

טבעת = אַ רינג.

טבעת קדושין = דער רינג מיט וועלכען דער חתן איז מקדש די כלה אונטער דער חופה.

טבת = דער צעהנטער חדש פונ'ם יאָהר.

טהור = ריין.

טהרה (טהרות) = די ריינקייט.

טוב = גוט.

טוב ומטיב = איינער, וואָס איז אַ גוטער מענש און טוט גוטס.

טובה (טובות) ושם

טובת הכלל = א גוטס פאר אלע.

טומאה = אומריינקייט.

טועה זיין = א טעות האבען (זעה: טעות).

טועם טעם זיין = פאר־זוכען.

טוען = א פארטיידיגער.

טיט = בלאָטע.

טית = דער ניינטער בוכ־שטאב פונ'ם אלף־בית.

טל = דער טוי.

טלית (טליתים) = אנ' איינהיל ביים דאווענען פאר מענער.

טלית קטן (טלתים קטנים) = לייבצודע־קעל.

טמא = אומריין.

טמטום = א הערטאפראָדיט.

טמיר = פארבאָרגען.

טנוף = קויט.

טנופת = קויט, אָבפאל.

טעות (טעותים) = א גרייז, פעהלער.

טעות הדפוס = א דרוק־פעהלער.

טעם (טעמים) = מאָטיוו.

טעם = דער געשמאק.

טענה (טענות ומענות) = פאָדערונג, פרעטענסיע, אויספיהרונג.

טפה (טפות) = א טראָפען.

טפח (טפחים) = א האנד־ברייט, (אלס מאָס).

טפל = נעבענזעכליך.

טפש (טפשים) = א נאַר.

טפשות = נארישקייט.

טרוד = פארטון.

טרחה (טרחות) = דאס באמיהען זיך.

טרקלין = א סאלאָן.

טרפה = ריטועל פארבאָ־טענס.

טרפה־פסול = א פאר־באָטען ביבעל.

טרפות = ריטועל פארבאָ־טענע שפייזען.

טשטוש = פארווישונג.

י.

י = 10.

יאוש = פארצווייפלונג.

יברכך = גאָט זאל דיך בענשען.

יבשה (יבשות) = די טריקעניש.

יגון ואנחה = טרויער און זאָרגען.

יגיע כפיו (יגיע כפיה) = די מיה פון די איינענע הענד.

יגעתי ומצאתי = כ'האָב מיך געמיהט און געפונען

יד (ידים) = די האנד.

יד אחת מאכען = זיך פאראייניגען.

ידוע = ס'איז באקאנט.

ידיעה (ידיעות) = א נאכ־ריכט, דאס וויסען.

ידיד (ידידים) = פריינד

ידידים נאמנים = טרייע פריינד.

ידידות = פריינדשאפט.

ידיעת הטבע = נאטור־וויסענשאפט.

ידען = א קענער.

יהדות = דאס יודישקייט.

יהוה = דער נאָמען פון גאָט.

יהודי (יהודים) = א יוד.

יהי רצון = ס'זאל געשעהן דער ווילען.

יובל = יובילעאום.

יודע ספר = א געלערנטער.

יולדת = א קימפעטאָרען.

יום (ימים) = דער טאָג.

יום הדין = דער טאָג, פונ'ם געריכט, (יום כפור).

יום החתונה = דער טאָג פון דער חתונה.

יומם ולילה = ביי טאָג און ביי נאכט.

יום טוב = א פעסט־טאָג.

יום המיתה, יום הפטירה = דער טאָג פונ'ם שטארבען.

יום כפור = דער טאָג פון פארגעבען, א הייליגער פאַסט־טאָג דעם 10 תשרי.

יום כפור קטן = יעדער ערב ראש חדש.

ימי אבלה = די טעג פון טרויער.

ימי הגבלה = די לעצטע דריי טעג פאר שבועות.

ימי חול = די וואָכענטעג.

יומא דפגרא = א פעסטטאָג

ימים נוראים = די פאָרכ־טיגע טעג, ראש השנה און יום כפור.

ימות המשיח = משיח'ס צייטען.

יון (יונים) = גרעק.

יועץ (יועצים) = א באַ־ראָטער.

יוצא זיין = א פליכט דער־פולען, אָבקומען.

יוצא ונכנס = א היימישער מענש.

יוצא לכל הדעות = אלעמען צוליעב טון.

יוצא מן הכלל = אנ־אויסנאַהם.

יוצא לתרבות רע = אראָבגעהן פונ'ם גוטען וועג.

יורש (יורשים) = אנ'ערבע

יורש עצר = קראָנפרינץ.

יורד = א געפאַלענער.

יושב (יושבים) = א חסיד וואס האלט זיך אויף שטענדיג ביי זיין רבי.

יושב אהל (יושב בית) = א שטוב־זיצער.

יושב בתענית = איינער וואס פאסט.

יושר = גערעכטיגקייט.

יותר מדאי = צו פיעל.

יזכור = דער נאָמען פון א געבעט, וואס ווערט געזאָגט צום אנדענקען אָן טויטע.

יחד (יחדיו) = אינאיינעם.

יחוד = אליין זיין — אָב־געזינדערטקייט.

יחום = אדעל, אָבשטאמונג.

יחיד (יחידים) = אנ'איינ־ציגער.

יחידי סגולה = אויסדער־וועהלטע.

יחידות = אָבגעזונדערקייט

יחסן (יחסנים) = אריס־טאָקראט.

יי (אָבגעקירצט פון יהוה) = גאָט.

יישר כח = גאָט זאל דיך שטארקען.

יין = וויין.

יין המשומר = דער באַ־האלטענער וויין פאר די צדיקים אויף יענער וועלט.

יין חדש = נייער וויין.

יין ישן = אַלטער וויין.

יין נסך = נישט כשר׳ער וויין.

יין שרף (י״ש) = בראָנפען.

יכולת = מאַכט, די מעג־ליכקייט.

ילד = א קינד.

יליד אשה = א מענש.

יליד בית = איינער, וואס איז אויפגעצויגען ביי א פאמיליע.

יללה (יללות) = א קלאָג.

ילפת = אַנ׳אויסשלאג אויפ׳ן קאָפּ.

ים (ימים) = דאס מער.

ים הגדול = דער אָקעאַן.

ים המלח = דער טויטער ים.

ים הקרח = דאס אייז מער.

ים כנרת = דער גענעזאהעט זעע.

ימח שמו וזכרו = ס זאל אויסגעמעקט ווערען זיין נאָמען און זיין אָנדענקען.

ימין ושמאל = רעכטס און לינקס.

יניקה = דאס זויגען, א נוטצען.

יסוד (יסודות) = דער פונדאמענט.

יסורים = ליידען.

יעלה (יעלות) = דער נאָמען פון א געבעט, וואס ווערט געזאָגט אים יום כפור נאָך כל־נדרי.

יער (יערים) = א וואלד.

יפה־פיה (יפי־פיות) = א נאר שעהנע פרוי, א קאָ־קעטקע.

יפת תואר = א פרוי מיט א שעהנער געשטאלט.

יפת מראה = א פרוי מיט א שעהן פנים.

יציאת = דער ארויסגאנג.

יציאת מצרים = דער ארויסגאנג אויס מצרים.
יציאת הנשמה = דאס אויס־הויכען פון דער נשמה.
יצירה = די באשעפונג פון דער וועלט.
יצר טוב = דער טריעב צום גוטען.
יצר הרע = דער בייזער דעמאָן
יקנה"ז = די ערשטע אותיות פון די ווערטער: יין קדוש, נר, הבדלה, זמן.
יקר = טייער.
יקרות = א טייערונג.
יקרן = איינער, וואס נעמט זעהר טייער.
ירא שמים = א גאָט'ס פאָרכטיגער.
יראה, יראת = פאָרכט.
יראת שמים, יראת הכבוד = גאָט'ס־פאָרכטיגקייט.
ירגזון = זיי וועלען ציטערן
ירדן = דער הויפט פלוס אין פאלעסטינא.
ירקות = גרינצייג, קריי־טעכצער.
ירושה (ירושות) = ערב־שאַפט.
יריד = א גרויסער מארקטאָג
יריעה (יריעות) = א בויגען פארמעט.
יש = ס'פארהאנען.
יש אומרים = א טייל זאָגען.
ישוב = א באוואוינטער אָרט, קאָלאָניזירונג.
ישוב'ניק = א קאָלאָניסט.
ישוב הדעת = איבערלע־גונג, געזעצטקייט.
ישועה (ישועות) = א הילף.
ישיבה (ישיבות) = א העכערע תלמוד־שול.
ישיבה של מטה = דאס מענשליכע געריכט.
ישיבה של מעלה = דאס געטליכע געריכט.
ישן = אַלט.
ישקני = קיש מיך.
ישראל ואוריתא חד הוא = די יודען און די תורה זענען איינס.
ישראל סבא = דער אַלטער ישראל (א ביינאָמען פאר די יודען).

ישראל = די יודען.
ישרן (ישרנים) = א גע־רעכטער מענש
ישרנות = גערעכטיגקייט.
יתור = שטאָפּען וואס בלייבען איבער פאר׳ן שניידער נאָכ׳ן אויפנעהען פון די קליידער.
יתוש = דער נאָמען פון א פליעג, וואס האט טיטוס׳ן געבוירט אין קאָפּ.
יתום (יתומים), יתומה (יתומות) = א קינד, וואס בלייבט אָן איינעם אָדערביידע עלטערן.
יתר על כן = נאך מעהר דערצו.

כ.

כ = 20
כאור הבקר = מיט׳ן מאָר־גענליכט, פּארטאָג.
כאחד האדם = איינער ווי די אנדערע מענשען.
כאשר = אזויווי.
כבד פה = א שווער־רע־דעוודיגער.

כבוד = עהרע, אכטונג.
כבוד (כבודים) = א עהרענשטעלע.
כבוד אב ואם = דאס עהרליך האלטען פון טאַטע-מאַמע.
כביכול = נאָט.
כבדאי = ס׳ווערט.
כדבעי = ווי ס׳בעדארף זיין.
כדומה = דעסגלייכען.
כדור העולם = די ערד קוגעל.
כדי = דערמיט.
כה וכה = אהער און אהין.
כהאי לישנא = אָט אזוי, אין דעם לשון.
כהויה = אזוי ווי ס׳איז.
כהלכה = ווי דאס געזעץ הייסט.
כהן (כהנים) = דער וואס האט אין דער צייט פונ׳ם בית המקדש אָבגערעכט די עבודה.
כהן גדול = דער עלטסטער כהן.
כהונה = דאס אמט פון א כהן.

כהרף עין=אין אַנ'אויגענ־
בליק.
כוכב (כוכבים)=א שטערן
כונה (כונות) = אַבזיכט,
גייסטיגע קאָנצענטראַציע.
כוס, כוסה (כוסות) =
גלאָז, בעכער.
כופר בעקר = איינער,
וואס לייקענט אַלץ.
כוש = אבעסיניען.
כותל מערבי=די וועסט־
ליכע וואנד, וואס איז
איבערגעבליעבען פון'ם
בית־המקדש.
כזב ושקר = ליגען און
פאַלשקייט.
כזבן = א ליגנער.
כזית=ווי אַנ'איילבירט גרויס
כח (כחות) = קראַפט.
כח הדבור = די קראפט
פון רעדען.
כח הדמיון = די קראפט
פון דער פאַנטאַזיע.
כח המדמה = די פאָר־
שטעלונגס קראפט.

כח הטומאה=די אומריינע
קראפט.
כחול הים = ווי זאמד
פון'ם ים.
כיד המלך = נאָך קעניג־
ליכער מאָס.
כידוע = ווי באקאַנט.
כיור = האנדפאַס.
כך = אזוי.
כך הוה=אזוי איז געווען.
כך וכך = אזוי און אזוי.
כל = אלע.
כל אמצי כחות = מיט
אלע קרעפטען.
כל בו = אלץ איז אין
איהם, (ווערט באנוצט
צום באצייכענען פון א
מענש, וואס איז צו אלע־
מען פעהיג).
כל דבר אסור=א יעדע
פארבאָטענע זאך.
כל המינים = אלע גאַ־
טונגען.
כל העולם כלו = די
גאנצע וועלט.
כל וכל=אלעס אין אלעס.

כל זמן = אזוי לאנג.

כל חמתו = זיין גאנצען צאָרן.

כל טוב = אלעס גוטס.

כל ימיו = אלע זיינע טעג.

כל ימי חיו = זיין גאנץ לעבען.

כל ישראל חברים = אלע יודען זענען פריינד.

כל ישראל ערבים זה בזה = אלע יודען האַפטען פאראַנאַנד.

כל מום רע = יעדער קאַליקע איז שלעכט.

כל נדרי = דער נאָמען פון א געבעט, וואס ווערט געזאָגט ערב יום־כפור אויף דער נאכט.

כל שכן = באָטש אזוי.

כלא ידע = גלייך ווי ער וואלט ניט וויסען.

כלב (כלבים) = א הונד.

כלה (כלות) = א פארלאָבטע.

כלה כל הקיצון = אלעס האט זיך אויסגעלאָזט.

כלומר = אזוי צו זאָגען.

כלחוך השור = אזויווי אָבגעפּאַסעט פון אנ'אָקס.

כלי (כלים) = געפעס.

כלי = א קארגער.

כלי בית = שטובזאכען.

כלי זין = וואפען.

כלי־זמר = מוזיקאנטען.

כלי כתיבה = שרייבגעצייג.

כלי מכשירים = אפּאראַטען.

כלי קודש = הייליגע זאכען (ווערט אויך באנוצט צום באצייכנען פון דינים, רבנים שוחטים א. א. וו.)

כלי שלמה = א גאנץ געפעס, א פולקאָמענער מענש.

כלפי מעלה = אקעגען הימעל.

כולל = דיסטריקט.

כלל = אלגעמיינהייט.

כלל ישראל = דאס יודישע פאָלק.

כמה = וויעפיעל.

כמו = אזוי ווי.

כמו שכתוב = אזויווי ס'שטעהט געשריבען.

כמובן = פארשטעהט זיך.

כמות = קוואנטיטעט.

כמעט = שיער ניט, קוים.

כן = אזוי.

כן יאבדו = אזוי זאָלען זיי פארלוירען געהען.

כנופיה = קאָמפאניע, קליקע

כנה (כנים) = לויז.

כנהוג = אזוי ווי ס'דארף צו זיין.

כנסת = פארזאמלונג.

כנסת הגדולה = דאס גרויסע בית דין אין דער צייט פונ'ם צווייטען בית־המקדש (שפעטער אָנגערופען סנהדרין).

כנסת ישראל = דאס יודישע פאָלק.

כנען = דער נאמען פון פאלעסטינא.

כסא (כסאות) = א שטוהל

כסא הכבוד = גאָט'ס שטוהל.

כסא המלוכה = די קעניגליכע שטוהל.

כסדר = נאך דער אָרדנונג.

כסיל (כסילים) = א נאַר.

כסף = זילבער, געלד.

כעבדא קמיה מריה = ווי א קנעכט פאר'ן האַר.

כעלות = פארטאָג.

כעס = צאָרן.

כעסן = א אויפגערעגטער,

כעפרא דארעא = ווי שטויב פון דער ערד.

כף = דאס עלפטע אות פונ'ם אלף־בית.

כף הקלע = א גהנום־פלאָג.

כפל = טאָפעלט.

כפל = מולטיפליקאציע.

כפל כפלים = צוויי מאָל טאָפעלט.

כפוי טובה = אומדאנקבאר

כפול שמונה = אכט מאָל טאָפעלט.

כפי = לויט.

כפירה = דאס לייקענען.

כפרה (כפרות) = אנ'אָבלייזונג.

כפרות שלאָגען = א רע־
ליגיעזע צערעמאָניע פאר
יום־כפור, וואס באשטעהט
אין דרעהען מיט א היהן
אָדער הוהן איבערן קאָפּ.

כפרות = די היהנער, וואס
ווערען באנוצט צו דער
צערעמאָניע.

כצפיחת בדבש = ווי קוכען
געפרעגעלט אין האָניג.

כרוב (כרובים) = נאָמען
פון א מלאך.

כרוז = פראָקלאמאציע,
קונדמאכונג.

כריתות = א שיידונגס־
בריעף.

כרך = א גרויסע שטאָדט

כרמל = דער נאָמען פון
א בארג אין פאלעסטינא.

כרעים פאלען = אניעדער
קניען.

כרעים ומשתחוים =
אנידערקניען און זיך
ביקען.

כרפס = פעטרישקע.

כרת = פארשניטען ווערען
פונ׳ם פאָלק, (א טויט
שטראָף פונ׳ם אטאָליג׳ען
יודישען בית־דין).

כשוף (כשפים) = צויבער.

כשורה = אָרענטליך, אזוי ווי
דער מנהג איז.

כשר = לויט׳ן יודישען דין
ערלויבט.

כשר׳ן = דאס רייניגען פון
געפעסען און שטוב־
זאכען אויף פסח.

כשרות = אָבגעהיטקייט.

כשרון (כשרונות) =
טאלענט.

כת, כתה (כתות) =
גרופע.

כתב = די שריפט.

כתבות = א שפאס.

כתב יד = האנדשריפט

כתבי הקודש = די הייליגע
שריפט, תנ״ך.

כתובה = חתונה־פארטראג.

כתיבה וחתימה טובה =
דאס פארשריבען און
פארזיגעלט ווערען צום

גוטען (א וואונש צום יודישען נייעם יאָהר).

כתר (כתרים) = א קרוין

כתר מלכות = די קרוין פון דער וועלטליכער הערשאפט.

כתר תורה = די קרוין פון דער געטליכער הער־שאפט, (אויך די קרוין, וועלכע פארציערט א ספר תורה).

ל.

ל = 30

לא = ניין.

לא אדם = א נישט־מענש.

לא דבים ולא יער = ניט קיין בערען און ניט קיין וואלד (א גלייכ־ווערטעל).

לא די = ניט גענוג.

לא הבישן למד = א שעמעוודיגער קען זיך נישט אויסלערנען.

לא היה ולא נברא = ס'איז ניט געווען און ס'איז ניט באשאפען גע־וואָרען.

לא היו דברים מעולם = ס'איז קיינמאָל ניט גע־דאכט געוואָרען.

לא זו הדרך = ניט דאס איז דער וועג.

לא יזכר ולא יפקד = ס'זאל ניט דערמאָנט און ניט געדאכט ווערען.

לא יצלח = איינער, וואס טויג צו גאָר ניט.

לא יחרץ־געלד = שווייג־געלד.

לא כדרך הטבע = ניט נאטירליך.

לא מדובשך ולא מעוקצך = כ'וויל ניט דיין האָניג און ניט דיין גיפט.

לא משׁ = ער האט זיך ניט גערירט.

לא עליכם = ניט פאר אייך געדאכט.

לא עם הארץ חסיד = א גראָבער יונג — איז ניט א פרומער.

לא קם ולא זע = ער איז ניט אויפגעשטאנען און זיך ניט גערירט.

לא ראיתי ולא שמעתי = כ'האב ניט געזעהן און ניט געהערט.

לא תחמוד = זאלסט ניט גלוסטען.

לא תעשה = זאלסט עס ניט טון, א פארבאָט.

לאבוד = פארלוירען ווערען.

לאו = א פארבאָט.

לאו דוקא = ניט אַקי אינ־טיסטען.

לאו כל אדם זוכה = ניט יעדער מענש איז ווערט.

לאלתר לחיים = תיכף (זאל דיר פארשריעבען ווערען) צום לעבען, (א וואונש צום נייעם יאָהר).

לב טוב = א גוט האַרץ.

לבנה = דער מאָנד.

ל"ג בעומר = דער 33. טאָג צווישען פסח און שבועות (א פעסט פאר קינדער).

לגבי = א קעגען.

לגמרי = אין גאנצען.

להבה = א פלאַם.

להבא = אין קומענדיגער צייט.

להבדיל = ניט צו פאר־גלייכען.

להוט = גלוסטיג.

להכעים = צום טראָץ.

להרג ולאבד = צו טויטען און צו פארניכטען.

ל"ו'ניק = איינער פון די 36 פארבאָרגענע צדיקים.

לוה = איינער, וואס לייהט געלד.

לוח (לוחות) = א קאַ־לענדער.

לוחות = די צוויי טאָוולען אויף וועלכע משה האט געשריבען די צעהן גע־באָט.

לוי (לויים) = דער דריטער שבט פון די יודען, פון וועלכען ס'שטאמען די כהנים און די לויים.

לויה = באגלייטונג, דאס נאָכגעהן דעם ארון פון א טויטען.

לויתן = א מיטהישער פיש, וואס איז אָנגעגרייט צום עסען פאר די צדיקים אויף יענער וועלט.

לולב (לולבים) = א פאלמע וואס ווערט באַנוצט צון א רעליגיעזער צערעמאָניע אים סכות.

לומדים = לערנערם.

לומדות = געלערנטקייט.

לחה = שפייעכץ.

לחיים = צום לעבען.

לחלוטין = אבסאָלוט.

לחם = ברויט.

לחם אביונים = אונטערשטיצונג פאר אָרעמע לייט

לחם משנה = די צוויי ברויט, וואס זענען פאַרגעשריבען פאר'ן שבת'דיגען און יום־טוב'דיגען טיש.

להצאין = אין דער העלפט

ליהודים = „צו די יודען", ווערט באנוצט צו באַצייכענען פון א פרעהליכער סיטואציע.

לטובת = צום נוצען,

ליל שמורים = די ערשטע צוויי נעכט פון פסח.

לילית = דער נאָמען פון א ווייבליכען טייוועל.

ליצנות = שפעטעריי.

ליצני הדור = די שפעטערס פון דער צייט.

לית דין ולית דיין = ניטאָ קיין געזעץ און ניטא קיין ריכטער.

לכה דודי = דער נאָמען פון א לויב־ליעד פאר'ן שבת.

לכך נוצרת = דערצו ביזטו באשאפען געוואָרען.

לכל הפחות = ווייניגסטענס

לכן = דערפאַר.

לכתחלה = צום אָנהויב.

למאי = צו וואס.

למאי נפקא מינה = וואס איז דער חלוק, וואס איז דערפון געדרונגען.

למד = דאָס צוועלפטע אות פון'ם אלף־בית.

למדות = געלערנטקייט.
למה הדבר דומה = צו וואס איז די זאך גלייך.
למוד (למודים) = דאס לערנען, לערנגעגענ־שטאנד.
למדן (למדנים) = א געלערנטער.
למזל = צום גליק.
למשל = א שטייגער, צום ביישפיעל.
למען השם = פאר גאטס וועגען.
לנוי = פאר שעהנקייט.
לסוף = צום ענד.
לעולם = עביג.
לעולם ועד = אויף עביג און עביג.
לעולם תכה = תמיד זאלסטו נעהמען.
לעזאזל = פאר'ן רוח.
לעילא ולעילא = העכער און העכער.
לעתיד לבוא = אין קו־מענדיגער צייט.
לעת עתה = דערווייל.

לפי הצורך = נאכ'ן באדארף
לפי ערך = נאכ'ן ווערט.
לפנים = ס'זאל זיך דאכטען
לפנים משורת הדין = מעהר ווי דאס געזעץ שרייבט פאר, מעהר ווי דער דין איז.
לץ (לצים) = טייוועל, שפעטער.
לצנות = שפעטעריי.
לקוי המה = זונען־פינ־סטערניש.
לקוי לבנה = מאנד־פינ־סטערניש.
לקח'ענען = נעהמען אהן יענעמס וויסען.
לשון (לשונות) = צונג, שפראך.
לשון הרע = שלעכטע רייד.
לשון זכר = מענליך גע־שלעכט (גראמאטיש).
לשון יחיד = איינצאהל.
לשון נקבה = ווייבליך געשלעכט (גראמאטיש).
לשון קודש = העברעאיש.

לשון רבים = מעהרצאהל.
לשם מצוה = פאר א מצוה וועגען.
לשם שמים = פאר גאטס וועגען.
לשנה הבא בירושלים = אין קומענדיגען יאהר צו זיין אין ירושלים.
לשנה טובה תכתב ותחתם = צו א גוט יאהר זאלסטו פארשריבען און פארזיעגעלט ווערען. (א וואונש צום נייען יאהר).
לתשמיש = צום באנוצען.

מ.

מ = 40
מאבד עצמו לדעת = זיך אליין אומברענגען.
מאה (מאות) = הונדערט.
מאה אלף = הונדערט־טויזענד.
מאוים'דיג = שרעקליך.
מאום = עקעלדיג.
מאור הגולה = א ליכט פונ'ם גלות (א טיטעל פאר א רב).
מאי טעמא = צו וואס.
מאי דהוה הוה = וואס ס'געווען איז געווען.
מאי דקמרי רביצין = וואס די רביצין האט געזאגט (ווערט באנוצט אלס שפעט־ווארט פאר איינעם, וואס ווייסט גארניט.
מאי קא משמע לן = וואס לאזט ער מיך הערען.
מאבל (מאבלים) = שפייז
מאבל מלכים = קעניגליכע שפייז.
מאמין (מאמינים) = א גלויביגער מענש.
מאמר (מאמרים) = א אויפזאץ, א אויסשפרוך.
מאנס זיין = צווינגען, שענדען.
מאריך זיין = עפעס ברייט דערצעהלען.
מאריך ימים זיין = לאנג לעבען.

מבויש ווערען = פֿאר־שעהמען זיך.

מבול = א גרויסע איבער־שוועמונג.

מבולבל ווערען = פֿאר־מישט ווערען אין די גע־דאנקען.

מבזה זיין = באליידיגען.

מבוזה = פֿאראכטעט, פֿאר־שפּאָטעט.

מבחר = דאס בעסטע.

מבטיח זיין = פֿארזיכערן.

מבטל זיין = צו נישט מאַכען.

מבין (מבינים) = א קענער.

מבין כל דבור = ער פֿארשטעהט יעדעס וואָרט.

מבינות = קענערשאַפֿט.

מבקר חולים זיין = דאס באזוכען פֿון קראַנקע.

מביש זיין = פֿארשעהמען.

מבשר טוב = א אָנזאָגער פֿון גוטע נאַכריכטען.

מגביל זיין = אָבגרעניצען, באשטימען.

מגדל זיין = דערציעהען.

מגדל בבל = דער טורם פֿון בבל.

מגולגל ווערען = פֿארוואַנ־דעלט ווערען.

מגונה = ניט־שעהן, שענ־דליך.

מגושמ'דיג = מאטעריאַליס־טיש, פֿארגרעבט.

מגזם זיין = איבערטרייבען.

מגיד (מגידים) = א פּרע־דיגער.

מגידות = דאס פרעדיגען.

מגילה, מגילת אסתר = די דערצעהלונג איבערן נס־פורים.

מגיר זיין = דעם יודישען גלויבען אָננעמען.

מגלה זיין = אנטפּלעקען.

מגן דוד = דער פאנצער דוד'ס, דאס יוד. נאצ. אבצייכען, וואס בא־שטעהט פון צוויי צוזא־מענגעזעצטע דרייעקען.

מגע ומשא = באריהרונג, באציהונג.

מגפה (מגפות) = עפּידע-
מיע.

מדבר (מדבריות) = וויס-
טעניש.

מדה (מדות) = א מאָס,
איינגעשאַפט.

מדה כנגד מדה = א מאָס
פאַר א מאָס.

מדות טובות = גוטע איי-
גענשאַפטען.

מדות רעות = שלעכטע
אייגענשאַפטען.

מדת הדין = דאס שטרענגע
פאָרגעהן נאָכ'ן געזעץ.

מדת הרחמים = דאס
פאַרגעהן נאך דער בארמ-
הערציגקייט.

מדוה = קראַנקהייט.

מדוע = פאַרוואָס.

מדורי גהינום = די אָב-
טיילונגען פונ'ם גיהנום.

מדחה זיין = פאַרשטויסען.

מדי יום ביום = טאָג פאַר
טאָג.

מדי חודש בחודש =
מאָנאַט פאַר מאָנאַט.

מדידה = דאס מעסטען.

מדינה (מדינות) = א לאַנד,
פראָווינץ.

מדינת הים = לענדער
איבער יענער זייט ים.

מדקדק זיין = גענוי אכטונג
געבען.

מדרגה (מדרגות) =
שטאַפּעל, שטופע.

מדריך זיין = עמיצען אויפ'ן
גוטען וועג פיהרען.

מדרש = א זאמלונג פון
דרשות און לעגענדען.

מה אנו ומה חיינו = וואס
זענען מיר, און וואס איז
אונזער לעבען.

מה בכך = וואס איז אין
דעם.

מה חטאו = וואס האבען
זיי געזינדיגט.

מה טוב ומה נעים =
ווי גוט און ווי ליעבליך.

מה יפית = דער נאָמען
פון א געזאנג פאר'ן
שבת'דיגען טיש.

מה נאה אילן זה = ווי שעהן איז דער בוים.

מה נשתנה = פאר וואס איז אנדערש, (די ערשטע ווערטער פון די פיער פראגען, וואס דאס יונגסטע קינד פרעגט אין די סדר־נעכט).

מה כל רעש = וואס איז אזא געפילדער.

מה נאכל = וואס וועלען מיר עסען.

מה שמיכם = ווי הייסט איהר.

מהדר זיין = באטראכטען.

מהדרין מן המהדרין = די אבגעהיטסטע פון די אבגעהיטע.

מהול = באשניטען.

מהומה (מהומות) = א געטומעל.

מהות = די קוואליטעט.

מהיום והלאה = פון היינט און ווייטער.

מהיכי תיתי = פאר וואס נישט.

מהלך = א גאנג.

מואב = דער נאמען פון א פאלק, וואס האט געוואוינט אין פאלעסטינא.

מובהק = קלאר, טיכטיג.

מודה אני = דער נאמען פון א מארגען־געבעט.

מודה זיין = זיך צו עפעס באקענען

מודה ומתודה זיין = זיך צו עפעס באקענען און זיך ארויסזאגען.

מודיע זיין = צו וויסען געבען

מודעה (מודעות) = א באקאנטמאכונג.

מוהל = איינער, וואס נעמט פאר די באשניידונג פון א קינד לויט'ן יודישען געזעץ.

מוחל זיין = פארגעבען.

מוכן ומזומן = גרייט און פארטיג.

מוכר ספרים = איינער, וואס פארקויפט ביכער.

מוכר תבואה = איינער, וואס פארקויפט תבואה.

מולד = דאס נייגעבוירען ווערען פון דער לבנה.
מום = א קערפערליכער פעהלער.
מומחה (מומחים) = א פאכמאן.
מומר = משומד.
מוסד = איינריכטונג, א אינסטיטוציע.
מוסיף זיין = צוגעבען.
מוסף = צוזאץ־געבעטען פאר שבת און יום־טוב אין דער פריה.
מוסר = מאראל, שטראפרייד
מוסר'ן = מאראל פרעדיגען
מוסר השכל = א מאראלישע סענטענץ.
מוסר מודעה זיין = צו וויסען טון און באקאנט געבען.
מוסר נפש זיין = זיך אפפערן.
מופלא = וואונדערליך.
מופלג = אויסגערופען.
מופת (מופתים) = וואונדער.
מוצאי יום־טוב = דער אויף־דער־נאכט נאך יום־טוב.
מוצאי שבת = שבת צו־נאכטס.
מוקצה = אבגעזונדערט.
מוקצה מחמת מאוס = אבגעזונדערט, פאר עקעל
מוקשה'דיג = שווער.
מורא = פארכט.
מורה דרך = א וועגווייזער
מורה הוראה = א לעהרער פאר רעליגיעזע למודים (א טיטעל פאר'ן רב).
מורשה = א אייגענטום, א ערבשאפט.
מושב = א באוואוינטער ארט
מושב זקנים = א הויז פאר אלטע אוטפארזארגטע לייט.
מושלם = א פולקאמענער מעניש.
מושלם בכל המעלות = א פולקאמענער אין אלע גוטע אייגענשאפטען.
מושל = א הערשער.

מותר = ס'איז ערלויבט.
מזבח (מזבחות) = אלטאר
מזהיר זיין = וואָרענען.
מזווג זווגים זיין = פּאָרען.
מזוזה (מזוזות) = א שטי־
קעל פּאָרמעט, באשריע־
בען מיט א אָבשניט אויס
דער תורה, וואס ווערט אָנ־
געקלאַפּט אויף די ביי־
שטידליך פון די טירען.
מזומן (מזומנים) = באַר־
געלד.
מזומן בענשען = ווען דריי
בענשען אינאיינעם נאָכ'ן
עסען.
מזונות = שפייז, דערנעה־
רונג.
מזונות = א לויב־שפרוך
פאר'ן עסען פון אייערגען
געבעקס.
מזיגה = דאס אָנגיעסען,
איינשענקען.
מזיק (מזיקים) = א טיי־
וועל, איינער וואס טוט
שאָדען.
מזכה זיין = באשיינען.

מזכיר = א סעקרעטער.
מזל = גליק, שיקזאל,
געניוס.
מזלות = פּלאנעטען.
מזל וברכה = א געבענשט
גליק.
מזל טוב (מזלא טבא) =
גוט גליק (א וואונש אויף
שמחות).
מזלזל זיין = גערינגשעצען.
מזמור (מזמורים) = א
הימן, פּסאַלם.
מזנה זיין = זיך פּראָסטי־
טואירען.
מזער = ווייניג.
מזרח = די זייט וואו די
זון געהט אויף.
מזרח = דער נאָמען פון
א בילד, וואס ווערט
אויפגעהאנגען אויף דער
מזרח־וואנד.
מח (מחות) = געהירן.
מחבל (מחבלים) = א
טייוועל.
מחבק ומנשק = האלזען
און קישען.

מחבר (מחברים) = אויטאָר, פֿאַרפֿאַסער.

מחדיש זיין = באנייען.

מחויב = פֿאַרפֿליכטעט.

מחולק = אָבגעטיילט.

מחוץ לזה = עקסטער דעם.

מחוץ למחנה = אויסער דעם געזעלשאַפֿט.

מ ח ו ת ן (מחותנים), (מחותנת) = מענשען וואס האבען זיך מיטאַנאַנד פֿאַרשוועגערט.

מחותנות׳שאַפֿט = דאס אָנקעהרען זיך פֿון די מענשען, וואס האבען זיך פֿאַרשוועגערט.

מחזור (מחזורים) = א זאמלונג פֿון געבעטען פֿאַר די ימים־טובים.

מחזיר למוטב = אומקעהרען זיך צום גוטען.

מחק = אויסמעקען.

מחיב זיין = פֿאַרפֿליכטען.

מחיה = לייזונג.

מחיה זיין = דערקוויקען.

מחיה נפשות זיין = דערקוויקען די הערצער.

מחיה מתים = דאס לעבעדיג מאכען פֿון טויטע.

מחילה (מחילות) = פֿאַרגעבען.

מחיצה (מחיצות) = א שיידעוואַנד.

מחלל זיין = פֿאַרשוועכען.

מחלוקת = קריגעריי.

מחמיר זיין = דערשוועכען.

מחמת = צוליעב, דורך.

מחנה (מחנות) = א לאַגער, א גרויסע צאָהל.

מחרים זיין = אין חרם אריין לעגען.

מחשבה (מחשבות) = געדאנק.

מטבע (מטבעות) = מעטאַלען געלד.

מטה (מטות) = א בעט, דאס געשטעל אויף וועלכען ס׳ווערט געטראָגען א טויטער.

מטהר זיין = רייניגען, דאס אָבוואשען פֿון א טויטען.

מטה למטה = טיעפער און טיעפער.

מטופל = איינער, וואס האט א סך קליינע קינדער.

מטורף = אַ פארוויר‌טער

מטושטש = פארווישט.

מטיב זיין = בעריקזיכטיגען

מטיף (מטיפים) = פרע־דיגער.

מטלטלין (מטלטלים) = בעוועגליכע זאכען.

מטמא זיין = פאראומריי־ניגען.

מטמון = א שאץ.

מטעים זיין = באטאָנען.

מטריח זיין = באמיהען.

מי = ווער.

מי יודע = ווער ווייסט.

מי שבירך = דער נאָמען פון א געבעט, וואס ווערט געזאָגט פאר עמיצענס געזונד.

מי שמך לראש = ווער האט דיך געמאכט צו א עלטסטען.

מיאש זיין = פארצווייפלען.

מיבם זיין = דאס נאָכ'ן יודישען דין פאָרגע־שריבענע חתונה האבען מיט דער פרוי פון א ברו־דער, וואס איז אָהן קינדער געשטאָרבען.

מיד = זאריז, זאָפאָרט.

מיד ליד = פון האנד צו האנד.

מיוחד = באזונדער.

מיחוש = א קרענק.

מ י ו ח ס (מיוחסים),

מיוחסת = אריסטאָקראַט, אריסטאָקראטין.

מיושב = איבערלעגט.

מילא = זאל זיין.

מילה = דאס מענליכע גליעד

מילי דעלמא = וועלטליכע רייד (אין הפוך צו דברי תורה).

מים = וואסער.

מים אחרונים = וואסער צו וואשען די הענד נאָכ'ן עסען.

מים שלנו = וואסער וואס האט איבערגענעכטיגט און ווערט באנוצט צום קנע־טען פון מצות.

מימרא = אויסשפרוך.

מין (מינים) = גאַטונג, סאָרט.

מינקת = א פרוי, וואס זויגט א קינד.

מישב זיין = זיך איבער־לעגען.

מיתה (מיתות) = טויט.

מיתה חטופה = א פלוצימדיגער טויט.

מיתה משונה = א אומנאַטירליכער טויט.

מכבד זיין = עמיצען באַעהרען.

מכה (מכות) = א וואונד, א פלאָג.

מכה שלא כתובה בתורה א פלאָג, וואס איז ניט געדאַכט אין דער תורה.

מבוער = אבשייליך.

מכח = וועגען.

מכח אל הפועל = פונ׳ם קענען צום טון.

מכירת יוסף = דאס פאַרקויפען פון יוסף׳ן.

מכמה טעמים = דורך עטליכע מאָטיוועֶן.

מכנים אורח = א גאסט־פריינדליכער מענש.

מכנים זיין בבריתו של אברהם = אריינברענגען אין בונד פון אברהם׳ען (מל זיין א קינד).

מפניע זיין = אונטערטעניג מאכען.

מכפר זיין = פארגעבען.

מכריז זיין = אויסרופען.

מכשול = א שטרויכלונג.

מכשירים = אפּאראַטען, ווערקצייג.

מכשף (מכשפים) = צויבערער.

מכשפה (מכשפות) = צויבערין.

מכות רצה = גרויזאַמע שלעג.

מל זיין = דאס ריטועלע באשניידען פון א קינד.

מלא שמחה, מלא חדוה פול פרייד.

מלא חן = פול מיט חן.

מלא כעס וחמה = פול גרימצאָרן.

מלא כרמון = פול ווי א מילגרוים.

מלאכה (מלאכות) = א ארבייט, האנדווערק.

מלאכת החשבון = אריט־מעטיק.

מלאכת הנגינה = מוזיק.

מלאך (מלאכים) = אנ־ענגעל.

מלאך דומה = דער מלאך וואס האט די הערשאפט איבער די טויטע.

מלאך המות = דער מלאך פונ'ם טויט.

מלאכי חבלה = די מלאכים וואס פלאָגען דעם טויטען

מלאכי השרת = די מלאכים, וואס באדיענען גאָט.

מלבוש (מלבושים) = קלייד.

מלביש ערומים = דער וואס טוט אָן נאקעטע (גאָט).

מלבוש ומנעיל זיין = אָנקליידען און אָנשיכען.

מלה במלה = וואָרט ביי וואָרט.

מלוה זיין = נאָכגעהן ביי א לויה.

מלוה = איינער, וואס פאר־לייהט געלר.

מלוה מלכה = די סעודה פון שבת צו נאכטס.

מלוכה (מלוכות) = קע־ניגרייך.

מלופם = נאָמען פון א וואָקאַל־צייכען (גלייך דער וואָקאַל u).

מלון = ווערטערבוך.

מלח = זאַלץ.

מלחמה (מלחמות) = קריעג.

מליצה (מליצות) = פראזע.

מליץ (מליצים) = פיר־שפרעכער.

מליץ טוב, מליץ יושר = א גוטער גערעכטער, פירשפרעכער.

מלך = דער נאָמען פֿון א אָבגאָט, צו וועלכען מען פֿלעגט מקריב זיין די אייגענע קינדער.

מלך בכפה = איינער, וואס באהערשט די וועלט.

מלך מלכי המלכים = דער קעניג איבער אלע קעניגע, (גאָט).

מלך עליון = דער אויבערשטער קעניג, (גאָט).

מלכה = די קעניגען.

מלכות = קעניגרייך.

מלכותא דארעא = דאס וועלטליכע קעניגרייך.

מלמד (מלמדים) = א לעהרער פֿון יוד. רעליגיעזע למודים.

מלמד זכות זיין = פֿארטיידיגען.

מלמדות = דאס אונטערריכטען.

מלומדת = א געלערנטע.

מלקות = שלעג.

מלשין (מלשינים) = דענונציאַנט.

מם = דאס דרייצעהנטע אות אין אלף־בית.

ממה נפשך = אָדער אזוי, אַדער אזוי.

ממון = געלד.

ממון קרח = קרח׳ם פֿארמעגען, א גרוים פֿארמעגען.

ממזר (ממזרים) = בענקירט.

ממילא = פֿון זיך.

ממונה = א פֿארוואלטער

ממית׳ן = טויטען.

ממלא מקומו = שטעלפֿארטרעטער.

ממש = אין דער ווירקליכקייט.

ממשות = די ווירקליכקייט.

ממשלה = הערשאפֿט.

ממתיק זיין = פֿארזיסען.

ממתקים = צוקערליך (ווערט באנוצט שטאָט געלד.

מן = די שפּייז, וואס די יודען האבען געגעסען אין דער מדבר.

מנדר זיין = עפעס אויף זיך נעמען צו דערפולען

מנדב זיין = שפענדען.

מנה יפה = א שעהנע גאָב.

מנהג (מנהגים) = א גע־וואוינהייט.

מנהג העולם = א אלגע־מיינע געוואוינהייט.

מנהיג = א פיהרער.

מנהל = א דירעקטאָר.

מנוול = א געמיינער מענש

מן המתם = וואהרשיינליך.

מן השמים = פונ'ם הימעל.

מנוחה = רוה.

מנורה (מנורות) = לייכ־טער.

מנחה = דאס פאר־נאכט־געבעט.

מנחם אב = זעה: אב.

מנחם אבל זיין = דאס טרייסטען פון איינעם וואס טרויערט נאָך א טויטען.

מניה וביה = טאקי, זאריז.

מנין (מנינים) = צעהן מענשען, וואס דאוונען אין איינעם.

מיט מנין און קנין = מיט לייב און לעבען.

מניעה (מניעות) = הינ־דערניש.

מנצח זיין = באזיעגען.

מסדר קדושין זיין = פאר־נעהמען די רעליגיעזע חתונה־צערעמאָניע אונטער דער חופה.

מסביר זיין = דערקלערען.

מסובין = אָנגעלעהנט.

מסוגל = פעהיג, פאסיג.

מסוכן = געפעהרליך.

מסופק זיין = צווייפלען.

מסור = דענונציאנט.

מסורה = טראַדיציע.

מסחר (מסחרים) = האנ־דעל.

מסיג גבול זיין = דאס פארגרייפען זיך אקעגען יענעמס רעכט אָדער בעזיץ.

מסית ומדיח = איינער, וואס רייצט אָן.

מסירה (מסירות) = דע־נונציאציע.

מסירת נפש = אויפאָפ־פערונג.

מסבים זיין = באשטעטיגען

מסכתא (מסכתות) = א טראקטאט אים'ן תלמוד.

מסלק זיין = דעפאניערען.

מסע (מסעות) = רייזען.

מספיד זיין = א הספד האלטען.

מסכנה (מסכנות) = קאנ־סעקווענץ.

מסרן = דענונציערען.

מסתמא = וואהרשיינליך.

מעביר זיין = עמיצען אדער עפעס איבערגעהן.

מעביר גהלה זיין = עקס־הערעדיערען.

מעדני מלכים = קעניגליכע שפייזען.

מעוברת = א שוואנגערע פרוי.

מעוז צור = „א שטארקער פעלזען" די ערשטע צוויי ווערטער פון א ליעד, וואס ווערט געזונגען אים חנוכה.

מעופש = א מינדערהייט.

מעות = געלד.

מעות חטים, מעות חטין = דאס געלד, וואס ווערט פארטיילט פאר ארעמע אויף מצות

מעיד זיין = צייגענשאפט זאגען.

מעיז זיין = זיך דערוועגען.

מעין אין סוף = א קוואל אהן אנ'עק.

מעין טהור = א זאמלונג פון רעליגיעזע געזעצען פאר פרויען.

מעכב זיין = אויפהאלטען.

מעלה (מעלות) = איינגע־שאפט, שטאפעל.

מעלה למעלה = העכער און העכער.

מעלה גרה זיין = איבער־קייען.

מעמד = שטאנד.

מעמדות = א זאמלונג פון פראגמענטען אים תנ"ך און מדרש, וואס ווערען געזאגט יעדען טאג נאכ'ן דאווענען.

מענה לשון = א זאמלונג פון געבעטען פאר פרויען.

מערב = די זייט וואו די זון פארגעהט.

מערה (מערות) = א היל.

מעריב = דאס אבענד־געבעט.

מערכה = א אבשעצונג.

מערת המכפלה = די היל וואו די אבות ליגען באַגראבען.

מעשה (מעשים), (מעשיות) = א געשעהעניש, א געשיכטע.

מעשה בראשית = די באשאפונג פון דער וועלט.

מעשה מרכבה = טעאָגאָניע.

מעשה נסים = וואונדער־ליכע געשעהענישען.

מעשה שהיה = א מעשה, וואס איז געשעהען.

מעשה שטן = א זאך, וואס דער שטן קען אבטון.

מעשה עונן = אַנאַניע.

מעשים אשר לא יעשו = זאכען וואס מען זאל נישט טון.

מעשים בכל יום = טאָג־טעגליכע זאכען.

מעשים טובים = גוטע טאטען.

מעשר = דער צעהנטער טייל.

מעשר עני = דער צעהנטער טייל, וואס ווערט אבגע־טיילט פאר ארעמע לייט.

מעת לעת = די צייט פון 24 שעה.

מפואר = שעהן.

מפונק = פארצערטעלט.

מפורסם = באקאנט.

מפטיר = דער לעצטער אב־שניט פון דער סדרא, וואס ווערט פארגעלייענט ביים אויפרופען צו דער תורה.

מפיל זיין = אומצייטיג גע־ווינען.

מפים זיין = איבערבייטען.

מפלה (מפלות) = א ניעדערלאגע.

מפלפל זיין = זיך קלינגלען.

מפסיק זיין = איבערהאקען.

מפציר זיין = שטארק בעטען.
מפקיר זיין = עפעס פריילאָזען.
מפרנס זיין = דערנעהרען.
מפרש (מפרשים) = קאָמענטאַטאָר.
מצב = סיטואַציע.
מצבה (מצבות) = א געדענקשטיין פאר א טויטען
מצד = פון זייטען.
מצה (מצות) = אומגעזייערט ברויט, וואס ווערט געגעסען אים פסח.
מצה שמורה = מצות געבאקען פון אָבגעהיטען ווייץ.
מצודה = א פעסטונג.
מצוה (מצות) = רעליגיעזער געבאָט.
מצות עשה = א פאָזיטיווער געבאָט.
מצורע (מצורעים) = א קרעציגער.
מצח אשה זונה = די פרעכהייט פון א פראָסטיטואירטער.

מציאה (מציאות) = א געפונענע זאך, א ביליגע זאך.
מציל זיין = אָבראַטעווען.
מציצה = דאס אויסזויגען פונ'ם בלוט ביי א געמל'עטען קינד.
מצליח זיין = באגליקען.
מצער זיין = קרענקען.
מצרף זיין = צוצעהלען.
מקבל זיין = אָנגעהמען.
מקבל באהבה זיין = אָנגעהמען פאר ליעב.
מקבל פנים זיין = זיך מיט עמיצען זעהן, עמיצען באגריסען.
מקבר זיין = באגראָבען.
מקדים זיין = זיך פארפריהען.
מקדש זיין = די צערעמאָניע אונטער דער חופה, וואס באשטעהט אינ'ם אָנטון דאס רינגעל דער כלה.
מקובל (מקובלים) = א קאַבאַליסט.

מקוה = א וואסער־באסין
צום טובלען זיך, וואס
ווערט געמאכט נאך רע־
ליגיעזע פארשריפטען.
מקום (מקומות) = א ארט
מקום מנוחה = א ארט
אויף אויסצורוהען.
מקום קדוש = א שול, א
קלויז.
מקטון ועד גדול = קינד
און קייט.
מקמ'ן זיין = קארגען.
מקור = קוואל.
מקורב (מקורבים) = זעה
קרוב, אויך א חסיד וואס איז
א נאהנטער פריינד פון
זיין רבי.
מקח = פרייז.
מקח טעות = א אבגע־
נארטער קויף.
מקטרג = זעה קטגור.
מקים זיין = דערפולען.
מקלקל זיין = פארדארבען.
מקנא זיין = ניט פארגינען.
מקפיד זיין = פעדאנט זיין
מקפח פרנסה זיין = עמיצען
קערצען אין דער פרנסה.

מקצר ימים זיין = עמיצען
קערצען די יאהרען.
מקרב זיין = דערנעהנטערן.
מקרה = א טרעפונג.
מקריב זיין = אפערן.
מקשה לילד = שווער צו
קינד געהן.
מר = הער.
מרא דעלמה = דער האר
פון דער וועלט.
מרא דאתרא = דער האר
פונ'ם ארט, (א טיטעל
פאר א רב).
מראה = ערשיינונג.
מרבה דברים, מרבה
שמות = פיעל רייד —
פיעל נארישקייטען.
מרגיש זיין = פיהלען.
מרגל (מרגלים) = שפיאן,
טרעדלער.
מרגליות = פערל.
מרה שחורה = אומעט,
מעלאנכאליע.
מרויח זיין = געווינען.
מרוצה זיין = איינווילליגען.
מרור = ביטערקייט, כריין.

מרחם זיין = זיך דערבאַ־
רעמען.

מרחץ = באָד.

מרחקים = אין ווייטע
לענדער.

מרחשון = דער נאָמען
פונ'ם אכטען מאָנאַט
(זעה חשון).

מרידה (מרידות) = א
אויפשטאַנד.

מרכבה = זעה: מעשה
מרכבה.

מרמז זיין = אָנדייטען.

מרנן זיין = הויך עפּעס
זאָגען.

מרעיש עולם זיין = אויפ־
רודערן די וועלט.

מרשעת = א שלעכטע פרוי

משא = א לאַסט.

משא ומתן = האַנדעל.

משגיח (משגיחים) = א
אויפזעהער.

משדך זיין = זיך פאַרשווע־
גערן.

משוגע, משוגעת (משוגעים)
= גייסטיג קראַנק.

משולח = זעה שליח.

משומד (משומדים).

משומדת = א רענעגאַט

משונה = פאַרענדערט.

משועבד = אונטערטעניג.

משורר (משוררים) =
א כאָריסט ביי א חזן.

משחית (משחיתים) =
צערשטערער.

משי = זייד.

משיג זיין = באַגרייפען.

משיח = דער געזאַלבטער,
דער דערלייזער.

משיח לפי תמו = איינער,
וואס רעדט נאַיוו.

משחק בקביה = איינער,
וואס שפּיעלט אין קאָרטען

משך = דויער, פאַרטזעצונג

משכב זכר = האָמאָסעק־
סואַליזם.

משכון (משכנות) = א
פאַנד.

משכיל (משכילים) =
א אויפגעקלערטער, (אָנ־
הענגער פון דער השכלה)

משכן = דער פראוויזאָרי־
שער טעמפעל אין משה'ס
ציימען און שפעטער.
משל (משלים) = ביישפיעל,
פאראבעל.
משלח זיין = אוועקשיקען.
משלחת = א אָנשיקעניש.
משלים שנתו זיין = אויס־
לעבען דאס יאָהר.
משמח זיין = זיך פרעהען,
וואוילטון.
משמור (משמורים) =
וואכט.
משמעות = באדייטונג, זין.
משנה מקום זיין = פאר־
ענדערן דעם וואוינאָרט.
משנה מקום משנה מזל
= פארענדערט דעם אָרט,
פארענדערט דאס גליק
משנה שם זיין = פארענ־
דערן דעם נאָמען.
משנה (משניות) = א זאמ־
לונג פון געזעצען אין 6
טראַקטאטען פון יהודה
הנשיא.
משנה למלך = וויצעקעניג.

משנכנס אדר מרבין
בשמחה = קומט דער
חדש אדר — פארמעהרט
זיך די פרייד.
משער זיין = זיך פאָר־
שטעלען.
משפחה (משפחות) =
פאמיליע.
משפט (משפטים) =
געזעץ, אורטייל.
משפיע זיין = בעאיינפלו־
סען.
משקה (משקאות) = גע־
געטרענק.
משקל = א געוויכט.
משמש בקודש = א אנ־
געשטעלטער פון יודישע
רעליגיעזע אינסטיטוציעס
משרת (משרתים) =
דיענער.
משתדל זיין = זיך פאר־
ווענדען, אינטערוועניערען
משתין זיין = אורינירען.
מת (מתים) = א טויטער.
מת מצוה = א טויטער,
וואס ווערט געפונען אין

דער גאָס און וועלכען ס'איז א מצוה צו באַ־גראָבען.

מתודה זיין = זיך באקענען.

מתוך = פֿון.

מתוכח זיין = דיסקוטיערען.

מתחיב זיין = זיך פֿאַר־פליכטען.

מתחתן זיין = זיך פֿאַר־שוועגערן.

מתי = ווען.

מתיקות = זיסקייט.

מתיר זיין = ערלויבען.

מתיר נדר זיין = ערלויבען ניט צו האלטען א נדר.

מתכון זיין = בעאבזיכטיגען, קאָנצענטרירען די גע־דאנקען.

מתמיד (מתמידים) = א פלייסיגער מענש.

מתן בסתר = גאָב אין פֿארבאָרגענעם.

מתן תורה = די געזעצגע־בונג צו די יודען אויפ'ן בארג סני דורך גאָט און משה'ן.

מתנגד (מתנגדים) = א געגנער.

מתנה (מתנות) = גע־שענק, גאָב.

מתנצל זיין = זיך פֿארטיי־דיגען,

מתנת יד = א פּאַטש.

מתעסק זיין = זיך באַפֿאַ־סען, באשעפֿטיגען.

מתפלל זיין = דאַווענען.

מתקן זיין = פֿארבעסערן רעפֿאָרמירען.

מתרה זיין = וואָרענען.

מתרעם זיין = ברוגז ווערען, פֿאראיבעל נעהמען.

נ.

נ = 50

נאוף = אויסשווייפונג.

נאמן (נאמנים) = א באגלויביגטער, א פֿאר־טריוענס־מאן, אנגעשטעל־טער.

נאמנות = באגלויבטקייט, טריישאַפֿט.

נבהל ונשתומם = דער־שראָקען און פֿאַ־וואונ־דערט.

נבול פה = אומאָראלישע רייד.
נבואה (נבואות) = פראָפעטענטום.
נביא (נביאים), נביאה = א פראָפעט, א זעהער, פֿארציימיגער יורישער הייליגער, וואס פלעגט פֿאָראויסזאָגען דאס קומענדיגע און מוסר'ן דאס פֿאָלק.
נביאים = ביכער פֿונ'ם תנ"ך אין וועלכע ס'זענען פֿארשריעבען די רייד פֿון די נביאים.
נבלה = א געמיינקייט, א שאנד.
נבלה (נבלות) = א קאָדאווער (ז. פגר).
נגון (נגונים) = אַ מעלאָדיע
נגזר ווערען = באשטימט ווערען, פֿאראָרדנעט ווערען
נגיד (נגידים) = א רייכער מענש.
נגידות = רייכקייט.
נגידית = א רייכע פֿרוי.

נגינה (נגינות) = געזאנג.
נגלה = אַנטפּלעקט.
נגע צרעת = א קרעציגער אויסשלאג (ווערט באנוצט צו באצייכענען א שלעכטען מענש).
נדבה (נדבות) = א שפענדע.
נדה = מענסטרואציע.
נדיב (נדיבים), נדבן (נדבנים) = א פֿרייגיביגער מענש.
נדן (נדוניא) = מיטגיפט.
נדר (נדרים), נדר'ן = עפעס אויף זיך נעהמען צו דערפֿולען.
נהנה זיין = געניעסען.
נהר די נור = א פֿייעריגער טייך.
נהרג ווערען = געטויט ווערען.
נוגע = ס'באציעהט זיך.
— בנוגע = וועגען.
נוגע בכבוד זיין = עמיצען אין זיין כבוד קרענקען.
נוהג זיין = זיך אויפֿפֿיהרען

נוהג בכבוד זיין = אָבגעבען כבוד.

נוטה זיין = געניינט זיין.

נוטה למות זיין = טויטקראנק זיין.

נוטריקן = אבּרעוויאַטורען.

נון = דאס פערצעהנטע אות פונ'ם אלף־בית.

נוסח (נסחאות) = די אַרט ווי אזוי עפּעס צו לעזען, סטיל.

נוצרי (נוצרים) = כריסטוס, קריסט.

נוקם זיין = נקמה נעהמען.

נוקם ונוטר = טראָגען צו איינעם א באהאלטענע פיינדשאַפט.

נושא חן זיין = געפעלען.

נושא פנים זיין = פארטייאיש זיין.

נזיר (נזירים) = א געהייליגטער, איינער וואס האט געשווארען ניט צו טרינקען ווין און ניט צו שערען זיך דאס האָר.

נחוץ = נויטיג.

נחלה (נחלאות) = באזיץ, ערבשאפט.

נחמה (נחמות) = א טרייסט

נחש (נחשים) = א שלאנג

נחת, נחת רוח = פארגניגען, זעלישע צופריעדענקייט.

נטיה (נטיות) = א נייגונג.

נטילת ידים = דאס וואשען זיך די הענד.

ניחא = ליעב.

ניסן = דער ערשטער חודש פונ'ם יאָהר.

ניצוץ (ניצוצות) = א פונק

נישקשה = מאכט נישט אויס.

נכסים = פעלדער.

נכפה = די געפאלענע קראנקהייט.

נכרי (נכרים) = א ניט־יוד.

נכשל ווערען = געשטרויכעלט ווערען.

נלכד ווערען = אריין פאלען אין א אומגליק.

נמאס = עקעלדיג.

נמצא = ס'פארהאנען.

נמשל = דאס אויף וואס דאס משל באציעהט זיך, געגליכענט זיין.

נס (נסים) = וואונדער.

נסים ונפלאות = וואונדער איבער וואונדער.

נסיון (נסיונות) = א פרוב, ערפאהרונג.

נסיעה (נסיעות) = א רייזע

נסך = זעה יין נסך.

נסתלק ווערען = זיך אבטון (ווערט אויך באנוצט צום באצייכענען פונ'ם טויט פון א פרומען יוד).

נסתר = פארבארגען, באהאלטען.

נסתרות = פארבארגענס.

נע ונד זיין = פארוואגעלט זיין.

נע ונד'ניק = א פארוואגעלטער.

נעילה = דאס לעצטע געבעט אים יום כפור.

נעימות = ליעבליכקייט.

נעלם ווערען = פארשוואונדען ווערען.

נער = א יונגעל.

נפוח = די אויסגעשיידטע גאזען פונ'ם גוף.

נפטר ווערען = שטארבען.

נפל = א אומצייטיג געבוירען קינד.

נפלא = וואונדערליך.

נפקא מינה = אונטערשיעד.

נפש (נפשות) = זעלע, לעבען, א באשעפעניש.

נפשי קשורה בנפשה = מיין לעבען איז ענג פארקניפט מיט איהרען (ווערט באנוצט צום באצייכנען פון גרויסער ליעבשאפט).

נצול ווערען = אבגעראטעוועט ווערען.

נצחון (נצחונות) = א זיעג, טריאומף.

נקבה (נקבות) = אוייבספארשוין.

נקודה (נקודות) = א וואקאל־צייכען.

נקי = ריין.

נקי כפים = ריינע הענד, אומאייגענ־נוציג.

נקיות = ריינקייט.

נקמה = פארגעלטונג.

נרו (נרות) = ליכט.

נרו יאיר (נ"י) = זיין ליכט זאל לייכטען (ווערט באנוצט ביים שרייבען פון טיטלען).

נר תמיד = א ליכט, אָדער לאָמפ אין קלויז וואס ברענט שטענדיג.

נרדף = א פארפאָלגטער.

נשיא (נשיאים) = פירשט, (א טיטעל פאר'ן פאָרשטעהער פון די סנהדרין).

נשאר חוב (נ"ח) = בלייבט נאך א חוב.

נשים = פרויען.

נשים דעתן קלות = פרויען זענען לייכטזיניג.

נשימה (נשימות) = דאָס אָטהעטען.

נשיקה (נשיקות) = א קוש

נשמה (נשמות) = דיזעלע

נשמה יתרה = א העכערער גייסט, די פרעהליכקייט וואס באהערשט א יודען אים שבת.

נשרף (נשרפים) = א אָבגעברענטער.

נשתומם = פארוואונדערט.

נתגלה ווערען = אנטפלעקט ווערען.

נתחלחל ווערען = דערשראָקען ווערען.

נתינה = א גאָב.

נתעלה ווערען = דערהויבען ווערען.

נתעשר ווערען = באריי־כערט ווערען.

נתפזר לכל רוח = צעשפרייט ווערען אויף אלע זייטען.

נתפעל ווערען = באגייסטערט ווערען.

נתרבה ווערען = פארמעהרט ווערען.

ס.

ס = 60

סבה, סבת, (סבות) = א אורזאך.

סביבה (סביבות) = אומ־געבונג.

סבלן (סבלנים) = איינער, וואס ליידט געדולדיג.

סבלנות = ליידען געדול־דיג, טאָלעראַנץ.

סבר פנים יפות = א ליעב־ליכער געזיכטס־אויסדרוק

סברא (סברות) = א מיין.

סגול = דער נאָמען פון א וואָקאל־צייכען (..) (גלייך דעם e)

סגולה (סגולות) = א הייל־מיטעל פון א באהאלטע־נער קראַפט.

סגוף (סגופים) = דאס פיי־ניגען פון'ם גוף.

סגי־נהור = פיעל־ליכט, (ווערט באנוצט צום באַ־צייכענען פון א בלינדען).

סדום = דער נאָמען פון א שטאָדט אין דער ביבלי־שער צייט, אין וועלכער ס'האבען געוואוינט זעהר שלעכטע און האַרט־הער־ציגע מענשען.

סדר = די טיש־צערעמאָניעס פון די ערשטע צוויי נעכט פסח.

סדר־היום = טאגעסאָרדנונג

סדרא (סדרות) = דער וועכענטליכער אָבשניט פון דער תורה.

סדור (סדורים) = א זאמ־לונג פון געבעטען פאר א גאַנץ יאָהר.

סהדי במרומים = אין הי־מעל איז מיין צייגען.

סובל זיין = ליידען.

סוד (סודות) = געהיימניס

— בסוד = אין פארבאָר־גענעם.

סוחר (סוחרים) = א הענד־לער.

סוכה (סוכות) = א גע־צעלט אין וועלכען די יודען האבען א מאָל אין דער מדבר געוואוינט, (ווערט נאך היינט צום אָנדענקען אים יום־טוב סכות אויפגעשטעלט).

סוכות = דער פריהער ווער־
מאַנטער יום־טוב.

סוף = א ענד.

סוף אדם למיתה = דאס
ענד פון א מענש איז צו
שטארבען.

סוף גנב לתליה = דאס
ענד פון א גנב איז אויפ־
געהאנגען צו ווערען.

סוף כל סוף, סוף סוף =
צו אלער ענד.

סוף פסוק = ענד פון א זאץ

סופר (סופרים) = איינער
וואס שרייבט ספרי־תורות,
תפלין מזוזות, א. א. וו.

סורר ומורה = א פארדאָר־
בען און ווידערשפענסטיג
קינד.

סותר זיין = ווידערשפרעכען

סחורה (סחורות) = זאכען
צום קויפען און פארקויפען

סטרא אחרא = טייוולישע
קראפט, (קאבאליסטיש).

סיג (סיגים) = א צוים, א
באגרעניצונג.

סיום = דאס ענדיגען פון
לערנען א מסכתא.

סיון = דער דריטער חדש
פונ'ם יאָהר.

סיעתא דשמיא = א הילף
פונ'ם הימעל.

סך = סומע, צאָהל, פיעל.

סך הכל = גענאמט צאָהל.

סכום = סומע, א באשטימטע
צאָהל.

סכין = א מעסער.

סכין מסוכן ביד חכם
ומכל־שכן ביד שוטה
= א מעסער איז גע־
פעהרליך אין דער האנד
פון א קלוגען און נאָך
מעהר אין דער האנד פון
א נאר.

סכך = שמענגעל פון פלאנ־
צען, מיט וועלכע מען
בעדעקט א סוכה.

סכנה (סכנות) = א גע־
פאהר.

סכנות נפשות = א לע־
בענס־געפאָהר.

סכסוך (סכסוכים) = פארשיעדענקייט פון מיי־נונגען.
סלוק — א ענד, אברעכנונג
סלוק'ן = דעפאניערען.
סליחה = פארצייהונג.
סליחה (סליחות) = א זאמ־לונג פון געבעטען פאר פאסט־טעג און פאר דער צייט פון פאר ראש השנה ביז יום כפור.
סליחות־צייט = די צייט פון שבת פאר ראש־השנה ביז יום־כפור ווען מען זאגט פארטאג סליחות
סלת — זעמעלמעהל, (אויך א באצייכנונג פאר גאר פיינע זאכען).
סם, סם המות = גיפט.
סמאל (ס"מ) = א ביינאמען פאר'ן שטן.
סמבטיון = א מיטישער טייך אין עק וועלט, וואס ווארפט א גאנצע וואך מיט שטיינער און רוהט נאר אים שבת.

סמיכה (סמיכות) = דיפלאם, בעפעהיגונגס שרייבען.
סמך = דאס פיפצעהנטע אות פונ'ם אלף־בית.
סמך = באזיס, פונדאמענט.
סמן (סמנים) = א צייכען
סמן ברכה = א צייכען פון גליק.
סמני דלות = צייכען פון ארעמקייט.
סמן טוב = א גוטער צייכען
סמן מובהק = א אויס־געפריוטער צייכען.
סמני נערות = צייכען פון פובערטעט.
סמן רע = א שלעכטער צייכען.
סנדק = דער וואס האלט דאס קינד צום מל'ען זיין.
סנדקאות = דאס האלטען פון א קינד בשעת מל'־זיין.
סנה = דער דארן אין וועל־כען גאט האט זיך באוויזען צו משה'ן.

סנהדרין = דער פאַרצייטיגער גרויסער יודישער בית־דין אין דער צייט פון דער גריכישער הערשאפט אין ארץ־ישראל,

סני = דער באַרג אויף וועלכען די תורה איז געגעבען געוואָרען.

סניגור = א פאַרטיידיגער, פירשפרעכער.

סעודה (סעודות) = א מאהלצייט.

סעודה המפסקת = די לעצטע מאָהלצייט פאר א פאסט־טאָג.

סעודת הבראה = א מאלצייט, וואס באשטעהט אין עסען פון א בייגעל און א איי איינגעטונקען אין אש, נאכ'ן באגראָבען פון א טויטען.

סעודת מצוה = א מאָהלצייט פאר אָרעמע לייט.

ספור (ספורים) = א דערצעהלונג.

ספור המעשה = דאס דערצעהלען פון א געשעהעניש.

ספורי מעשיות = א זאמלונג מיט מעשיות.

ספירה = דאס צעהלען, די זיעבען וואָכען צווישען פסח און שבועות,

ספק (ספקות) = צווייפעל.

ספר (ספרים) = א בוך.

ספר הזכרונות = א געדענק־בוך.

ספרים חיצונים = פראָפאַנע ביכער.

ספר תורה (ספרי תורות) = א אויף פארמעט געשריעבענע תורה.

ספרא רבה = א בעריהמטער שרייבער.

סרח'ען = שטינקען.

סקילה = דער טויט דורך פארשטייניגען.

סרים = א קאסטרירטער מענש.

סרבא = א פעהלער אויף דער לונג פון א בהמה.

סרסור = מעקלער.
סתירה (סתירות) = ווידערשפרוך.
סתימת הגולל = דאס פאר־מאכען פון דער דעק ביים ארון פון א טויטען.
סתם = געוועהנליך.
סתרי בריאה = דאס פאר־בארגענע פון דער וועלט־שעפפונג.
סתרי תורה = דאס פאר־בארגענע אין דער תורה.

ע.

ע = 70
עבד (עבדים) = א קנעכט.
עבד כנעני = א געקויפטער קנעכט.
עבדות = קנעכטשאפט.
עבדים היינו = „קנעכט זענען מיר געוועזן".—די ערשטע צוויי ווערטער פון א אבשניט אוים דער הגדה.
עבודה (עבודות) = גאָטעס־דיענסט, ארבייט.
